ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

היכל
תשיעי

קובץ
שלשלת האור

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## פינחס

(חלק כג שיחה ב)

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת פינחס, טו־כא תמוז, ה׳תשפ״ד (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2024
by

Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# פינחס ב

א. אין היינטיקער סדרה[1] ווערט דער־ציילט אַז משה האָט געבעטן ביים אויבערשטן „יפקוד ה' גו' איש על העדה", און דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט: „קח לך את יהושע בן נון גו' וסמכת את ידך עליו", און משה האָט אַזוי געטאָן — „ויסמוך את ידיו עליו גו'".

בנוגע מינוי מלך, שטייט אין רמב"ם[2]: „אין מעמידין מלך בתחילה אלא על פי בית דין של שבעים זקנים ועל פי נביא, כיהושע שמינהו משה רבינו ובית דינו". דערפון איז מוכח, אַז דער רמב"ם האַלט אַז דער מינוי פון יהושע'ן (שבפרשתנו), איז געווען אַן ענין פון מינוי מלך[3].

דאַרף מען פאַרשטיין[4]: דער רמב"ם אַליין פסק'נט[5] דאָך, אַז „כשמעמידין המלך מושחין אותו בשמן המשחה" — פאַרוואָס געפינט מען ניט אַז משה רבינו זאָל מושח זיין יהושע'ן בשמן המשחה[6]?

[ואע"פ אַז אויך ביי משה רבינו גע־פינט מען ניט אַז ער זאָל נמשח ווערן בשמן המשחה, הגם אַז משה רבינו „מלך הי'" — ווי דער רמב"ם פסק'נט[7] — איז אָבער משה רבינו געוואָרן אַ מלך איידער ס'איז געוועזן דער ציווי פון דיני המלך און פון שמן המשחה[8]].

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט פאַר־ענטפערן[9] לויט נאָך אַ פסק פון רמב"ם[10] „אין מושחין ממנו (פון שמן המשחה) לדורות אלא . . (ו)מלכי בית

1) כז, טו־כג.

2) הל' מלכים פ"א ה"ג.

3) וכן משמע ברמב"ם הל' סנהדרין (ספי"ח) שהי' לו דין מלך. וכן מפורש ברשב"ם ב"ב עה, א ד"ה אוי לה. פרש"י ד"ה הוא יומא עג, ב. פרש"י עה"ת ברכה לג, יז. ועוד (ראה המובא באמבוהא דספרי לספרי זוטא פרשתנו כז, כא. תו"ש מילואים לפ' יתרו (חט"ו) ס"ב בסופו).

בדרשות הר"ן דרוש יא (הובא גם באברבנאל בפתיחה לס' שופטים) ד„כאשר לא יהי' מלך בישראל השופט יכלול שני הכחות כח השופט וכח המלך . . שנתנו בכאן ליהושע כח מלכות אע"פ שלא הי' מלך וכן דרשו רז"ל ויהי בישורון מלך ירמוז למשה". אבל מהא שמביא הרמב"ם ראי' ממינוי יהושע בנוגע לכל מלך, וכן מפשטות לשון הרמב"ם (שבהערה 7) בנוגע למשה — משמע שס"ל שהי' להם דין מלך ממש.

4) כן הקשה בעל מנחת חינוך בהגהותיו לרמב"ם הל' מלכים שם.

5) הל' מלכים שם ה"ז.

6) להעיר מאוה"ח פרשתנו שם, כג. וראה לקמן בפנים.

במכילתא בשלח (יז, יד) מגיד שאותו היום נמשח (יהושע). ובזית רענן (לילקוט שמעוני רמז רסו) משמע שנמשח למלכות. אבל צ"ע, דמה מקום: א) למנותו עוה"פ (בפרשתנו), ב) ועיקר — למשוח יהושע כמלך בהזמן דס"פ בשלח! — שהי' משה בישורון מלך (ודבר אחד לדור) כארבעים שנה לאח"ז, ולולא גזירת מי מריבה שבסופן הי' מכניסן לארץ וכו'. ויש לומר שאין זו משיחת מלך, כ"א לשם שררה בכלל (ראה רש"י תצוה כט, כט), או ע"ד משוח מלחמה — ומלחמת עמלק שייכת לבית יוסף (ראה ב"ב קכג, ב (וברשב"ם שם). פסיקתא דר"כ פ"ג. פסיקתא רבתי פי"ב. ועוד) ויהושע נשיא אפרים, שהוקדם למנשה — בני יוסף. וראה תו"ש בשלח שם עה"פ (אות קיד). ועוד.

7) הל' ביהב"ח פ"ו הי"א. וכ"ה בר"ח ורש"י שבועות טו, רע"א. במדרש הובא ברמב"ן ברכה (לג, ה). וראה זבחים קב, א.

8) ראה רמב"ן תשא (ל, לג) שמשיחת מלכים נרמזת במש"נ (שם, לא) „יהי' זה לי לדורותיכם". ע"ש. וראה לקמן בסוף השיחה.

9) ראה אמבוהא דספרי שם.

10) הל' כלי המקדש פ"א ה"ז. ועד"ז בהל' מלכים שם ה"י.

דוד", און וויבאַלד אַז יהושע איז ניט געווען פון מלכי בית דוד, דעריבער האָט מען אים ניט מושח געווען בשמן המשחה[11].

איז אָבער, אדרבה, לויט שיטת הרמב"ם איז דאָס ניט קיין תירוץ. ווייל אַלס מקור צו דעם דין הנ"ל — "כשמעמידין המלך מושחין אותו בשמן המשחה" — ברענגט דער רמב"ם[5] דעם פסוק[12] "ויקח שמואל את פך השמן ויצק על ראשו וישקהו", וואו עס רעדט זיך וועגן דער משיחה פון שאול, וואָס איז ניט געווען פון די מלכי בית דוד — ומזה אַז דער רמב"ם האַלט אַז שאול איז נמשח געוואָרן בשמן המשחה[13].

איז דערפון מוכח, אַז דאָס וואָס דער רמב"ם שרייבט "כשמעמידין המלך מושחין אותו בשמן המשחה" מיינט ער דערמיט יעדן מלך, אפילו ניט פון מלכי בית דוד [וכסתימת לשון הרמב"ם "כשמעמידין המלך (סתם)"]. און דאָס וואָס ער פסק'נט אַז "אין מושחין ממנו לדורות אלא . . (ו)מלכי בית דוד" איז דוקא נאָך דעם[14] ווי "נמשח דוד (און דורך דעם) זכה בכתר מלכות . . לו ולבניו הזכרים עד עולם"[15].

והדרא קושיא לדוכתא: פאַרוואָס גע־פינט מען ניט אַז מען האָט יהושע'ן (וועלכער איז געווען אַ מלך לשיטת הרמב"ם) מושח געווען בשמן המשחה, פונקט ווי מ'האָט מושח געווען שאול'ן (לדעת הרמב"ם)?

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין דברי המדרש[16] אויף דעם וואָס משה רבינו האָט געזאָגט "יפקוד ה' גו'"[17], אַז משה האָט גערעכנט "שירשו בני את כבודי (גדולתי[18])", און דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט: "נוצר תאנה יאכל פרי'[19], בניך ישבו להם ולא עסקו בתורה, יהושע . . הואיל[20] והוא שרתך בכל כחו כדאי הוא שישמש את ישראל".

איז לכאורה ניט פאַרשטאַנדיק: ווי־באַלד אַז בני משה "ישבו להם ולא עסקו בתורה" — ווי קומט עס אַז משה האָט מלכתחילה געמיינט אַז "ירשו בני את כבודי"[21]?

בפשטות וואָלט מען געקענט פאַרענט־פערן, אַז מיט זיין בקשה "יפקוד ה' גו' איש על העדה" האָט משה געמיינט

---

11) אבל אין להקשות מדוע לא נמשח עכ"פ בשמן אפרסמון כמלכי ישראל (רמב"ם הל' מלכים שם ה"י) — כי י"ל עפמ"ש בכס"מ שם (מהוריות יא, ב) דזהו רק כשיש מחלוקת*, אבל כשאין מחלוקת הרי אפי' מלך שהוא ראשון אין מושחין אותו (ועיין בכס"מ שם בנוגע לשאול. והאריך בזה בשער יוסף (להחיד"א) להוריות שם. ועוד. ואכ"מ).

12) ש"א י, א.

13) דלא כברד"ק עה"פ שם שכתב "לא הי' זה השמן המשחה . . אבל שמן אפרסמון הי'". והאריכו במפרשים להוריות שם. ועוד. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 111 הערה 59. ואכ"מ.

14) ראה גם פרש"י ד"ה ולא כריתות ה, ב: משבא דוד.

---

*) ולהעיר מלשון המנ"ח מצוה קז: רק בשמן אפרסמון **לכבוד**. ומשמע שדעתו שאין לזה דין משיחה ממש. וראה רש"י ד"ה ומפני כריתות ה, ב.

---

15) לשון הרמב"ם הל' מלכים שם ה"ז.

16) במדב"ר פכ"א, יד. תנחומא פרשתנו יא. וראה פרש"י עה"פ.

17) פרשתנו כז, טז.

18) כ"ה בפרש"י.

19) משלי כז, יח.

20) ל' הבמדב"ר שם. ובתנחומא ופרש"י בשינוי לשון.

21) בשו"ת חת"ס או"ח סי' יב בסופו, שבניו היו ראוים לכך והקב"ה אמר שיהושע יותר הגון כו' אלא שבכתר תורה לא שייך כלל דין ירושה. ע"ש. וכבר הקשו ע"ז שבמדרש מפורש שבניו לא עסקו בתורה.

(ניט אַזאַ „איש" וואָס זאָל לערנען תורה מיט אידן, נאָר בלויז, כמפורש אין זיין בקשה[22] אַ מלך „אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם" — למלחמה; און דעריבער האָט משה גערעכנט אַז „ירשו בני את כבודי" (אע"פ אַז „לא עסקו בתורה") ווייל דער דין איז אַז „המלכות ירושה"[23].

עפ"ז איז אָבער ניט מובן וואָס דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט „נוצר תאנה יאכל פרי', בניך ישבו להם ולא עסקו בתורה" — בנדו"ז תורה מאן דכר שמה? דאָ רעדט זיך דאָך וועגן ירושת המלכות!

ד. דער מגלה עמוקות[24] איז מבאר דעם כפל הלשון אין פסוק „אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם (און דערנאָך) ואשר יוציאם ואשר יביאם" — אַז משה האָט געוואָלט אַז עס זאָלן זיין „שני בני אדם המנהיגים", „דהיינו איש אחד על העדה אשר יצא לפניהם במלחמה כו' ואיש אחד אשר יוציאם בתורה כו'". און דער אויבערשטער האָט אים געענטפערט „שאחד ינהג אותם . . יהושע שיהי' מלך ואב"ד[25] של ישראל וחכם שלהם בתורה", ווייל „אי אפשר לב' מלכים שישתמשו בכתר אחד[26] . . כי דבר[27] אחד לדור ולא שני דברים".

ועפ"ז איז אויך פאַרענטפערט דער מדרש הנ"ל: וויבאַלד אַז משה האָט געמיינט אַז עס זאָלן זיין צוויי מנהיגים — איינער אַ מלך און נאָך איינער אַן „אב"ד של ישראל" — דערפאַר איז ביי אים אויסגעקומען אַז די התמנות למלוכה זאָל ירש'נען איינער מבניו, כנ"ל.

דער אויבערשטער האָט אָבער געוואָלט אַז „אחד ינהג אותם" (ער זאָל זיין סיי דער מלך און סיי דער „אב"ד של ישראל") — און וויבאַלד אַז צום ענין התורה מוז מען זיין ראוי („נוצר תאנה יאכל פרי'"[28]), און בניו של משה זיינען ניט געווען מתאים דערצו (ווייל „לא עסקו בתורה"), האָבן זיי בכלל ניט געקענט ירש'נען „כבודו" של משה;

נאָר דוקא יהושע, וואָס איז געווען איבערגעגעבן צו תורה (ניט בלויז צו לימוד התורה נאָר אויך צו שימושה של תורה[29]), האָט געקענט זיין דער ממלא מקום פון משה.

---

22) שם, יז ובפרש"י. ספרי וספרי זוטא שם.

23) רמב"ם הל' מלכים שם.

ואף שצ"ל הבן „ממלא מקום אבותיו בחכמה וביראה" (רמב"ם שם) — הרי אף אם „הי' ממלא ביראה אע"פ שאינו ממלא בחכמה מעמידין אותו במקום אביו ומלמדין אותו" (רמב"ם שם), וה"ה בנדו"ד דבני משה „לא עסקו בתורה", אבל לא נאמר שלא היו ממלאי מקום ביראה.

24) אופן א. — הובא בילקוט ראובני פרשתנו עה"פ. ולהעיר ג"כ מכלי יקר פרשתנו כז, יח.

וצע"ק ממחז"ל (גיטין נט, א. סנהדרין לו, א) „מימות משה ועד רבי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד" [ולהעיר בשינוי פרש"י שבגיטין פי' „בתורה ובעושר", ובסנה' — „במלכות ובתורה". ואכ"מ].

25) צע"ק לשונו „אב"ד", ולא נשיא (ראש סנהדרין) — ראה חגיגה פ"ב מ"ב (טז, ריש ע"ב). ועוד. רמב"ם הל' סנהדרין פ"א ה"ג.

וראה תיב"ע פקודי מ, יא: יהושע משומשנך רבא דסנהדרין דעמי'. וביפה מראה לירושלמי ברכות פ"ד סה"א (מ„רש"י קלף . . סוף פ' הרואה" — סג, ב) — הובא בערכי הכינויים לבעל סה"ד (ע' אב"ד): מאותו השעה ואילך נתמנה יהושע אב"ד.

26) חולין ס, ב (הובא בפרש"י בראשית א, טז).

27) סנהדרין ח, א (הובא בפרש"י וילך לא, ז) — בנוגע ליהושע.

28) ראה במדב"ר פי"ב, ט.

29) ראה רד"ל לבמדב"ר פכ"א שם.

ה. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין (ע"פ פי' המגלה עמוקות) דעם טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט ניט אָנגענומען די סברא פון משה „שיהיו שני בני אדם המנהיגים", דלכאורה: אע"פ אַז „אי אפשר לב' מלכים שישתמשו בכתר אחד" איז דאָך די הדגשה בכתר אחד; ועוד – מען געפינט דאָך אין שפּעטערדיקע דורות אַז ס'איז געווען אַזוי – מלכות דורך איין מנהיג און דער אב"ד של ישראל אַ צווייטער מנהיג: דער מנהיג בתורה ובלשון הרמב"ם[30] „הגדול בחכמה שבכולן (פון די חברי סנהדרין) מושיבין אותו ראש עליהן . . והוא שקורין אותו החכמים נשיא . . והוא העומד תחת משה רבינו"; און אַ צווייטער אַ מלך אשר יוציאם גו', וועלכער האָט אָנגעפירט מיט צרכי העם כו' [ואדרבה: דער מלך האָט בכלל ניט געטאָרט זיין אין סנהדרין – „אין[31] מושיבין מלך ישראל בסנהדרין"][32].

מוז מען זאָגן, אַז היא הנותנת – ווי־באַלד אַז תורה און מלכות זיינען צוויי באַזונדערע סוגי שררה, דערפאַר איז עס קיין סתירה ניט צום כלל פון „דבר אחד לדור ולא שני דברים" –

ועפ"ז איז הקושיא במקומה עומדת: פאַרוואָס האָט מען בנדו"ד ניט געקענט אָפּטיילן דעם מינוי פון מלך פון מינוי „אב"ד של ישראל" – און עס האָט געמוזט זיין „שאחד ינהג אותם . . יהושע"?

ו. ויש לומר הביאור בזה:

אין זיין הקדמה לספר היד, שרייבט דער רמב"ם דעם סדר המסורה פון תורה שבעל פה פון משה'ן ביז רב אשי, און ביים אויסרעכענען די מקבלי התורה איז דער רמב"ם מדייק בלשונו אַז פלוני האָט מקבל געווען פון דעם פריערדיקן מקבל „ובית דינו" (אָדער – חביריו של המקבל הקודם). און ווי דער רמב"ם איז מבאר במקום אחר[33], אַז דערמיט האָט ער גע־וואָלט מדגיש זיין „שהקבלה רבים מרבים לא יחיד מיחיד".

געפינט מען אָבער אין דעם אַן אויס־נאָם – בנוגע צו יהושע'ן, וואו דער רמב"ם איז משנה ומדייק „וזקנים רבים קבלו מיהושע" (און איז ניט מוסיף „ובית דינו" וכיו"ב).

און דער טעם החילוק איז פאַרשטאַנ־דיק פון דברי הרמב"ם דאָרט לפנ"ז: „תורה שבעל פה למדה משה רבינו כולה בבית דינו לשבעים זקנים, ואלעזר ופנחס ויהושע שלשתן קבלו ממשה, וליהושע שהוא תלמידו של משה רבינו מסר תורה שבעל פה וצוהו עלי'". ד. ה. אַז יהושע איז געווען ניט נאָר אַ מקבל פון משה רבינו (ווי אלעזר ופנחס ושבעים זקנים), צו יהושע'ן דוקא האָט משה מוסר געווען תורה שבעל פה (כולה), וכמאמר המשנה[34]: משה קבל

30) הל' סנהדרין שם.

31) רמב"ם שם פ"ב ה"ד. וכן במלכי בית דוד (שם ה"ה).

32) וגם לאחרי החורבן הי' ריש גלותא בבבל (במקום מלך – רמב"ם שם פ"ד הי"ג), ונשיא בא"י, וכמחז"ל (סנהדרין ה, א. הוריות יא, ב. וראה פרש"י ויחי מט, י) הכא שבט התם מחוקק. וידועה השקו"ט בשאלת רבי (הוריות שם) כגון אני מהו בשעיר. ואכ"מ.

33) באגרת לרבי פנחס ב"ר משולם הדיין – נעתק ברמב"ם – בספר המדע (ירושלים, תשכ"ד) בהערה.

34) ריש מס' אבות. ועייג"כ מאירי בהקדמתו לאבות: ובעת זקנתו . . מסר סודות התורה והלכותי' עם כל ענייני תורה שבע"פ ליהושע. וראה לקמן הערה 41.

תורה מסיני ומסרה ליהושע, און ער האָט באַקומען אַ ציווי עלי׳ מיוחד[35].

און דערפאַר זאָגט ניט דער רמב״ם „ובית דינו״ ביי יהושע׳ן — ווייל בנוגע צו מסירת התורה, איז די קבלה געווען פון יהושע אַליין, נאָר צו עם האָט משה מוסר געווען תורה שבע״פ כולה.

קומט אויס, אַז עס איז דאָ אַ חילוק עיקרי צווישן משה ויהושע לגבי דעם נשיא סנהדרין שבדורות שלאח״ז: יהושע און משה רבינו זיינען גלייך אין דעם וואָס די מסורת פון גאַנץ תושבע״פ איז געווען צו און פון (יעדערן פון) זיי אַליין;

משא״כ דאָס וואָס דער נשיא סנהדרין איז „עומד תחת משה רבינו״ (כנ״ל) — איז עס אין דעם פרט, וואָס כשם ווי משה איז געווען „על גביהן״[36] פון די שבעים זקנים, עד״ז[36] איז אויך יעדער נשיא דער „ראש״ על גביהן פון די סנהדרין (זייענדיק דער „גדול בחכמה שבכולן״); אָבער אין דעם ענין פון „מסירת התורה״ איז ער ניט „עומד תחת משה רבינו״ — דאָס גייט דורך דעם גאַנצן בית דין, „רבים מרבים״.

ז. און דאָס איז דער חילוק צווישן די שפּעטערדיקע דורות (ווען דער מלך און „אב״ד של ישראל״ זיינען געווען צוויי באַזונדערע מנהיגים) און דעם זמן פון משה ויהושע:

אע״פ אַז „נשיא הסנהדרין הוא במעלה העליונה בשררת התורה״[37], פונדעסטוועגן קומט ער ניט צו דער דרגא פון נשיאותו של מלך. וואָרום דער גדר פון אַ מלך איז — „אין על גביו אלא ה׳ אלקיו״[38]; און ניט נאָר איז „אין למעלה ממנו במלכותו״[39]; נאָר, נאָך מער — ער איז דער איינציקער שולט, וואָס דאַרף זיך מיט קיינעם ניט רעכענען (וכנ״ל „דבר אחד לדור ולא שני דברים״[40]), ווייל אַ מלך איז נאָר איינער.

משא״כ אַ נשיא סנהדרין, וואָס ווי־באַלד ער איז איינער פון אַ ב״ד של ע״א (נאָר ווייל ער איז דער „גדול בחכמה שבכולן״ איז ער זייער „ראש״), איז זיין נשיאות ניט אין דעם סוג פון נשיאותו של מלך. און דעריבער איז אַ נשיא סנ־הדרין ניט קיין סתירה צום מלך, ובמילא איז עס ניט אַן ענין פון „שני מלכים״, „שני דברים״.

משא״כ ביי משה ויהושע, איז זייער „נשיאות״ בתורה באַשטייט (ניט נאָר אין זיין דער נשיא סנהדרין, נאָר אויך) אין דעם וואָס „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע״ — און אַזאַ נשיאות בתורה איז אין דער דרגת הנשיאות פון אַ מלך[41];

35) בפשטות י״ל — שהוא (יחיד) יהי׳ המוסר לה„זקנים רבים״.

36) ראה משנה ריש סנהדרין (ב, סע״א).

37) לשון הרמב״ן משפטים כב, כז. — ומדהביא שם הא דרבי הנ״ל הערה 32 (ע״ש) משמע שס״ל דבכל נשיא סנהדרין אפשר לשאול הכי. ואכ״מ.

38) ספרא ויקרא ד, כב. הוריות י, א במשנה. וראה שם יא, ריש ע״ב.

39) לשון הרמב״ם הל׳ שגגות פט״ו ה״ו.

40) כהתחלת המאמר (צוין לעיל הערה 27): טול מקל והך על קדקדם.

41) וצע״ק מגיטין וסנה׳ (שבהערה 24) „הא הוה יהושע, הוה אלעזר״ („חבירו בתורה ולא הוי מקום אחד״ — רש״י סנה׳ שם. וראה תוד״ה כולהו שם). ואולי יש לחלק בין גדלות בתורה בכלל (שבזה — „הוה אלעזר״, ואא״פ לומר על יהושע „אין כמותו בכל ישראל בתורה״ — רש״י שם), למסירת התורה (שבזה הוי יהושע יחיד). ועי״ד החילוק (סוף הוריות) דסיני ועוקר הרים, וממשיך (שם) „הכל צריכין למרי חטיא״ (ראה רש״י שם: כנתינתן מהר סיני). ולהעיר מתמורה (טז, א) דההלכות שנשתכחו בימי אבלו של משה „החזירן עתניאל בן קנז מתוך פלפולו״ (ראה תוד״ה כולהו הנ״ל). ואכ״מ.

און דעריבער, ווען מ'וואָלט אָפּגעטיילט „שיהיו שנים .. איש אחד .. במלחמה ואיש אחד .. בתורה", וואָלט דאָס געווען „ב' מלכים שישתמשו בכתר אחד .. שני דברים"[42].

ח. לכאורה איז דאָס אָבער ניט אינגאַנצן מובן: סוף־סוף זיינען דאָס צוויי באַזונדערע סוגי שררה: יוציאם במלחמה וכו' און תורה (כנ"ל סעיף ה); פאַרוואָס זאָל דאָס הייסן „שני מלכים .. בכתר אחד"?

וי"ל דעם ביאור בזה:

בנוגע דעם תפקיד פון אַ מלך זאָגט דער רמב"ם[43]: „ותהי מגמתו ומחשבתו להרים דת האמת ולמלאות העולם צדק ולשבור זרוע הרשעים ולהלחם מלחמות ה' שאין ממליכין מלך תחלה אלא לעשות משפט ומלחמות". ד. ה. אַז מלכות (ביי אידן) איז ענינה ניט סתם צו באַזאָרגן דעם עם מיט צרכים גשמיים כו'"[44], נאָר דאָס אַלץ הייבט זיך אָן און איז פאַרבונדן מיט קיום והרמת התורה — „להרים דת האמת", דורכצופירן די משפטי התורה[45], ביז אַז אויך די מלחמות וואָס ער דאַרף פירן, זיינען זיי „מלחמות ה'"[46].

קומט אויס, אַז דער ענין המלכות איז אַ המשך פון דעם תפקיד של בית דין הגדול: דער ב"ד הגדול זיינען די „עמודי ההוראה ומהם חק ומשפט יוצא לכל ישראל"[47], און דער תפקיד פון מלך איז, אַז דעם משפט התורה וואָס דער ב"ד הגדול גיט אַרויס דאַרף ער דורכפירן ביי עם ישראל[48],

[וואָס דערפאַר איז דער דין[49] אַז „מצוה על המלך לכבד לומדי התורה, וכשיכנסו לפניו סנהדרין וחכמי ישראל יעמוד לפניהם כו'" (ועד"ז „המלך עומד לפני כהן גדול .. כשישאל לו במשפט האורים") — ווייל דער מלך איז „מקבל" פון זיי;

נאָר בנוגע דעם ענין השליטה פונעם מלך על העם, איז „אין על גביו אלא ה' אלקיו" און „אין למעלה ממנו במלכותו", וואָס דערפאַר „בפרהסיא בפני העם לא .. יעמוד מפני אדם כו' כדי שתהא יראתו בלב הכל"[49]].

און מהאי טעמא איז אַ מלך און „נשיאות" בתורה ניט קיין צוויי באַזונדערע שררות (שאין אחת נוגעת בחברתה), נאָר זיי זיינען איין המשך;

42) וי"ל שקס"ד דמשה שאפשר להיות שני מנהיגים — אף ש„מסרה ליהושע" (— נוסף על הנ"ל (הערה 34) הי' זה „לעת זקנותו" לדעת המאירי) — כי קס"ד שאין בכחו של יהושע, שהוא רק כ„פני לבנה" (ספרי ורש"י פרשתנו כז, כ. ב"ב עה, א), למסור כל התורה לבדו לזקנים, ואינו בשלימות הנשיאות בתורה.

ולהעיר משבת (קד, א) „דאפילו בימי יהושע בן נון", ובחולין (קכד, סע"א) „אי אמר לי יהושע בן נון" — דמשמע דוקא יהושע ולא משה (ראה ב"י לטיו"ד סו"ס רמב. ט"ז לשו"ע יו"ד שם סק"כ).

43) הל' מלכים ספ"ד.

44) ראה ברכות ג, סע"ב.

45) בדרשות הר"ן (שבהערה 3) שאין משפטי המלך מצד חכמת התורה רק הוראת שעה לתיקון המדינה ואינו משפטי התורה. אבל ראה בארוכה שו"ת אבני נזר יו"ד סשי"ב (אות מז־נ) שלא להלכה אמרם הר"ן. ע"ש באורך. מהר"ץ חיות בס' תורת נביאים פ"ז (דין מלך ישראל).

וראה סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך בתחלתו. ולהעיר מלקו"ש חי"ח (ע' 276 ואילך) ששלימות התורה וההלכה היא כשיש מלך. ע"ש.

46) להעיר מהל' מלכים פ"ג ה"א: כותב לו ס"ת כו' יוצא למלחמה והוא עמו.

47) לשון הרמב"ם ריש הל' ממרים.

48) ראה בארוכה לקו"ש חי"ט ע' 166 ואילך.

49) רמב"ם הל' מלכים פ"ב ה"ה.

און אַז מען טיילט זיי פאַנאַנדער הייסט עס „שני מלכים . . בכתר אחד"[50].

ט. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס מינויו של יהושע איז געווען דורך סמיכה דוקא און ניט דורך משיחה:

וויבאַלד אַז אַ מלך איז אַ „מקבל" פון דעם ב"ד הגדול (וואָס גיט אַרויס משפט התורה), כנ"ל — איז דערפון פאַרשטאַנ־דיק בנוגע צו דער נשיאות פון יהושע'ן (ועד"ז פון משה), וואָס ער האָט געהאַט ביידע עניני נשיאות (סיי אַ מלך און סיי נשיאות התורה אין דער דרגא פון מלך כנ"ל), אַז די נשיאות המלוכה איז ביי אים געווען אַ המשך ותוצאה פון זיין נשיאות בתורה.

ד. ה. עיקר ענינו איז וואָס ער איז נשיא בתורה — ער איז „מוסר" גאַנץ תורה צו אידן; און בנוסף לזה איז ביי אים געווען דער ענין המלוכה אויף צו דורכפירן דעם משפט התורה צווישן דעם עם ישראל.

און דערפאַר איז זיין מינוי געווען דורך סמיכה: די משיחה וואָס אַ מלך דאַרף האָבן איז מטרתה צו אויפטאָן ענין המלוכה (ע"ד ווי מלכות שאול — ראיית הרמב"ם כנ"ל); משא"כ מלכות יהושע (נוצר תאנה) איז עיקרה — נשיאות בענין התורה, און דעריבער ווערט זי אויפגעע־טאָן דורך סמיכה, וואָס איז פאַרבונדן מיט תורה דוקא — דוקא בנוגע צו תורה (והוראה) זאָגט מען[51] סמוכין איש מפי איש, סמוכו לנא וכו'.

50) כשהנשיאות בתורה היא בדרגת נשיאות של מלך, משא"כ נשיא סנהדרין שאינו בדרגא ד„מלך", כנ"ל ס"ז.

51) רמב"ם הל' סנהדרין רפ"ד. סנהדרין יד, א.

יו"ד. לויטן אויבנדערמאָנטן ביאור איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס וואָס עס שטייט אין מדרש[52] אַז שאול איז געווען דער „מלך ראשון" איז כלל ניט קיין סתירה צו דעם וואָס ווערט געזאָגט אין רמב"ם (ובכמה מדרשי חז"ל[53]) אַז משה רבינו ועד"ז יהושע האָבן געהאַט אַ דין מלך — ווייל דער גדר המלוכה פון משה ויהושע איז געווען אַן אַנדער גדר לגמרי פון מלכות פון שאול ודוד[54] — ביי משה ויהושע איז די נשיאות המלוכה געווען אַ טפל פון נשיאותם בתורה[55].

52) ויק"ר פכ"ו, ז. וכ"כ להלכה בכס"מ הל' מלכים פ"א ה"י (ולכאורה ה"ז סותר מ"ש הרמב"ם שם ה"ג שיהושע הי' מלך). וראה רש"י וישלח לו, לא.

53) נסמן לעיל הערות 3, 7.

54) ע"פ המבואר בפנים יתורץ ג"כ מ"ש האברבנאל (בפ' שופטים) שמינוי מלך אינו מצוה (כי ע"פ תורה אין צורך במלך, ע"ש), והמצוה היא רק שאם בנ"י יאמרו „אשימה עלי מלך ככל הגוים גו'" (שופטים יז, יד) אזי „שום תשים עליך מלך גו' מקרב אחיך גו'" (שם, טו), ומפרש כן לשון הרמב"ם (בכותרת להל' מלכים) „למנות מלך מישראל"*, ע"ש —

ולכאורה, איך מתאים זה עם מ"ש הרמב"ם שמשה ויהושע הי' להם דין מלך, כנ"ל (אבל ראה לעיל הערה 3)? ועפ"פ הנ"ל מתורץ, כי ענין המלכות במשה ויהושע הי' טפל לנשיאותם בענין התורה, שזה סוג אחר במלכות, שאינו מצד חסרון בהעם, ואדרבה, כדלקמן בפנים. וראה הערה הבאה.

55) ע"פ המבואר בלקו"ש חי"ט (שבהערה 48) — יש לומר שזהו החילוק בין תואר נשיא (בשלימותו) לגבי תואר מלך. ועפ"ז יומתק טעם

*) וראה בארוכה בביאור הרי"פ פערלא לסהמ"צ לרס"ג מנין הפרשיות פרשה ז (קטו, ד ואילך) שהקשה עליו. ושם, שבנוסחת הרמב"ם לפנינו איתא „בישראל" ולא „מישראל"). אבל להעיר שבמנין המצות על סדר הלכות הרמב"ם בריש ספר היד גם בספרים לפנינו הנוסח „מישראל". אלא שבכמה כת"י גם שם „בישראל" (ראה רמב"ם ספר המדע — ירושלים תשכ"ד).

**ועפ״ז ווערט אויך פאַרענטפערט פאַרוואָס מען געפינט ניט אין חומש בפירוש[56] אַז מען דאַרף מושח זיין אַ מלך מיט שמן המשחה — דלכאורה תמוה: וויבאַלד מינוי מלך איז אַ מצוה מפורשת ובכמה פרטים בה, האָט געדאַרפט שטיין אין תורה אַז זיין מינוי קומט דורך שמן המשחה[57] (ע״ד ווי עס שטייט דער דין פון משיחת כהן גדול און משוח מלחמה)?**

**וע״פ הנ״ל איז דאָס מובן: דער ענין המלוכה ווי דאָס איז אויסגעשטעלט** מלכתחילה **ע״פ** תורה **— וואָס אַזוי איז דאָס געווען ביי משה און באַם ממלא מקומו יהושע — איז אין אַן אופן[58] אַז דער מלך איז אויך אַ נשיא** בתורה**, ובמילא דאַרף מען ניט אָנקומען צו שמן המשחה[59];**

**און דאָס וואָס מינוי מלך דאַרף זיין דוקא דורך שמן המשחה האָט זיך אויפגעטאָן שפּעטער, ווען שאול האָט געדאַרפט ווערן דער מלך[60].**

(משיחות ש״פ חיי שרה
וש״פ וארא תשמ״ג)

---

השינוי, שבפ׳ ויקרא (ד, כב) נאמר „נשיא״, ובפרשת שופטים נאמר „מלך״. ולהעיר שגם משיח נקרא נשיא (צוין בלקו״ש שם הערה 18). וראה לקמן הערה 59.

56) וגם להרמב״ם (דלעיל הערה 8) שנרמזת בתורה — עצ״ע למה לא נאמר בפירוש כמשיחת כה״ג ומשוח מלחמה.

57) ובפרט שצריך לשלול שאינו ב(האיסור המפורש) „אשר יתן ממנו על זר״ (תשא ל, לג. וראה רש״י ורמב״ן שם. כריתות ו, סע״ב).

58) להעיר מלקו״ש חכ״ב ע׳ 143 ואילך בנוגע לכמה ענינים, שבתורה שבכתב הם כתובים כמו״ש בשלימות — גם הפרטים שאינם לעיכובא. ע״ש.

59) וצ״ע בנוגע למלך המשיח, שגם אצלו יהיו ב׳ הענינים — מלך ורב (ראה סהמ״צ להצ״צ שם פ״ג. לקו״ש חי״ט שם ע׳ 170. ועיין לשון הרמב״ם הל׳ תשובה ספ״ט) — אם צריך משיחה*, או סמיכה כביהושע. וצ״ע שהשם „משיח״ הוא ע״ש המשיחה, ולא ע״ש למשחה — לגדולה (זבחים צא, א. וש״נ. ספרי קרח יח, ח). ואולי יהיו בזה שני שלבים**. ואכ״מ.

60) לתוכן סעיף זה — צ״ע שהרי ידוע שמלכות וספי׳ המלכות בשלימותן — ה״ז דוד (ומלכי ב״ד) ומשיח, ובהם מוכרחת משיחה.

ואולי י״ל ע״פ המבואר בכ״מ בבי׳ המל׳ (ושלימותה) במקומה, וכמו שהיא באבא (חכמה — משה), דאבא יסד ברתה.

ואף דיהושע כפני לבנה (מלכות) — **שאני** בשעה שסמכו משה, **שסמיכה ה״ה** בכל כחו (**חגיגה טז, ב**), ובנדו״ד בשני ידיו, יותר ממה שנצטווה. ואכ״מ. ועצ״ע.

---

*) להעיר מהשקו״ט במנ״ח (מצוה קז) אם משיח יצטרך שמן המשחה. וראה בזה צפע״נ להוריות (יא, ב) ושם ובכמה ענינים שבפנים.

**) ברמב״ם הל׳ מלכים פי״א ה״ד „ואם **יעמוד מלך** כו׳״. וראה לקו״ש ח״ח (ע׳ 361 בהערה) שעכצ״ל שאין כוונת הרמב״ם שבשעת העמידה תיכף יש לו **דין** מלך. ע״ש.